NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12798

IBER NAKHT GROY GEVORN

Jacob Pat

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

יעקב פאַט.

איבער נאַכט גרוי געוואָרן

(אַן עפּיזאָד פון ביינוש מיכאַלעוויטשעס לעבן).

מ. ראָזענבוים.

ווי אַזוי גריגאָרי געדשוני איז אַנטלאָפן פון קאַטאָרגע?

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"
1933

Wypisy żydowskie w zeszytach.

złożone przez S. BASTOMSKIEGO

Printed in Poland.

Jakób Pat.

„Iber nacht gro geworn“ (Z życia Bejnusza Michalewicza)

M. Rozenbojm

„Wi azoj Grigori Gerszuni iz antlofn fun katorge?“.

Drukarnia „EXPRESS“ Wilno, Wielka 33.

יעקב פאַט

איבער נאַכט גרוי געוואָרן.

(אן עפּיזאָד פון ביינוש מיכאַלעוויטשעס לעבן).

ביינוש מיכאלעוויטש
1876 — 1928

דאָס איז געווען אין די נײַנציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

מיכאַלעוויטש איז נאָך יונג געווען. ער האָט געהאַט אַ בלאָנדן קאָפּ האָר און אַ בלאָנדע באָרד. ער איז געווען פאַרשיקט אין אַ ווייטן, קאַלטן דאָרף פון סיביר, וווּ דער רוסישער צאַר פלעגט פאַרשיקן די רעוואָלוציאָנערן.

דאָס דאָרף איז געווען ווייט־ווייט, אין אַ שנייאיקן סטעפּ. דאָרטן פלעגן זיין פרעסט פון 40 און 50 גראַד. פיל הונדערטער קילאָמעטער פלעגט מען מוזן פאָרן מיט די סיבירער שליטנס, כדי אַהינצוקומען. נישטאָ קיין באַן, נישטאָ קיין וועג, קיין שטעג. אַ ווייסער מדבר. אַן אײַנזאַם, אומעטיק, קליין דערפל. די פּויערים זיינען האַלב־ווילד, האַלבע געצנדינער. דאָרט וווינט אין די דאָרפישע כאַטעס אַ הייפל פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן. דאָרטן וווינט אויך דער בונדיסט מיכאַלעוויטש.

די פּויערים האָבן אים ליב געהאַט, זיי האָבן ליב געהאַט צו הערן, ווי ער רעדט צו זיי. זיי האָבן געוווסט, אַז מע האָט אים פאַרשיקט, ווייל ער איז מיט די אָרעמע, מיט די אַרבעטער, ווייל ער איז קעגן די רייכע, קעגן די גענעראַלן, קעגן קייסער. זיי, די פּויערים, האָבן פאַר אים קיין אַנדער נאָמען נישט געהאַט ווי:

— נאַש פּאָפּ... (אונדזער גלח).

איינמאָל איז אָנגעקומען אין דאָרף אַ טרויעריקע גייס: אין אַ טורמע, וווּ עס זיצן פאַרשפאַרט אַרעסטירטע קאַטאָרזשניקעס, איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע זאַך.—

מע האָט געשמיסן די קאַטאָרזשניקעס...

דאָס איז שרעקלעך, שוידערלעך, אַכזריותדיק. מע קען נישט שווייגן. מע טאָר נישט שווייגן. דאָס איז די שווערסטע באַליידיקונג פאַר דעם מענטשן.

דער ווילדערקול פון די שענדלעכע שמיץ האָט זיך דערקייקלט ביז אין פאַר־פרוירענעם דאָרף אַריין. עס האָט וויי געטאָן, עס האָט פאַרדראָסן. וואָס טוט מען, וואָס מאַכט מען? — מע איז דאָך אַליין אַרעסטירט, פאַרוואָרפן אין עלנטן דאָרף צווישן זאַווערוכעס, פראָסט און שניי. אָבער שווייגן קען מען אויך נישט.

האָט מיכאַלעוויטש צונוי־גערופן אַלע פאַרשיקטע רעוואָלוציאָנערן, און מע האָט זיך באַראַטן, וואָס צו טאָן. איז געבליבן, אַז מיכאַלעוויטש זאָל אָנשרייבן אַ הייסן, אַ פלאַמיקן פּראָטעסט קעגן די שמייטער, קעגן דעם צאַר און זיינע משרתים און אויסדריקן מיטגעפיל די געליטענע, די באַליידיקטע. מע האָט אַזוי געמאָן און דעם פּראָטעסט אָפּגעדרוקט אין עטלעכע צייטונגען, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס צו דרוקן. וויל פאַר אַזאַ זאַך האָט אויך געדראָט אַ האַרבע שטראָף.

איז דערגאַנגען די זאַך צום רעגירונגס־באַאַמטן פון יענעם קרייז. ער האָט זיך גלייך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון באַרימטן רעוואָלוציאָנער מיכאַלעוויטש, דאָס האָט געוויס געטאָן אָט דער מיט דער בלאָנדער באָרד. ער וועט אים נישט שווייגן. ער וועט אים שוין אָנלערנען פאַר אַזאַ זאַך, פאַר אַזאַ העזה. ער וועט שוין אויסטראַכטן עפּעס אַזוינס, וואָס מיכאַלעוויטש זאָל שוין האָבן צו געדענקען, צו קרעכצן און זיפצן.

מיכאַלעוויטש האָט פון גאָרנישט ניט געוווסט. פאַרנאַכט קומען צו אים זשאַנדאַרן און זאָגן אים, אַז נאָך היינט אין אָוונט, אין עטלעכע שעה אַרום וועט מען אים אַוועקפירן פון דאַנען זייער וויים, אין אַ העק, וווּ קיין מענטשלעכער פוס איז כמעט נאָך נישט געווען.

דאָס איז געווען די נקמה, וואָס דער צאַרישער באַאַמטער האָט צוגעטראַכט. מיכאַלעוויטשן איז די מעשה נישט געפעלן געוואָרן. ווי וועט ער דאָס אין מיטן נאַכט לאָזן זיך מיט אַ שליטן צו די הרי חושך? — נישט צוגעגרייט, נישט אָנגעקליידט ווי געהעריק, פּלוצלונג. ער וועט אויסגיין אין וועג. ניין, ער וועט נישט גיין!

ער האָט זיך גלייך אויסגעטאָן, זיך איינגעלייגט אין בעט. זאָל מען טאָן, וואָס מע וויל. מע וויל אים בכיוון אומברענגען, און קיין פויגל זאָל אפילו קיין פּיפּס נישט טאָן. ניין, ער וועט מיט גוטן נישט גיין. ער וועט זיך נישט רירן פון בעט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען צוגעפאָרן צום הויז זשאַנדאַרן און וועכטער. מיכאַלעוויטש האָט שוין געהערט די גלעקלעך און די קולות אונטערן פענסטער. ער ליגט, עס אַרט אים ווי די וואַנט. זיינען זיי אַריין אין שטוב:

— נו, הייב זיך אויף, טו זיך אָן...

— ניין...

— קום פאָרן...

— גיין...

— וועט מען דיך נעמען מיט גוואַלד...

— ליידן מיט גוואַלד...

— עס איז אַ באַפעל, אַז מע מוז דיך אַוועקפירן...

— מיר גייט דאָס נישט אָן...

זעען זיי, אַז עס העלפט נישט קיין רייד, גיט דער עלטסטער אַ באַפעל:

— ברידערלעך, נעמט אים מיט כוח, מיט גוואַלד...

האָט מען זיך אַ נעם געטאָן צו אים מיט גוואַלד.

ניין. ער וועט זיך נישט אָנטאָן, ער וועט זיך בשום אופן נישט אָנטאָן. אָט, אָט אַזוי, אַ נאַקעטן, זאָלן זיי אים שלעפן.

— וועפּס, ברודערקע, פאַרפרוירן ווערן, אין דרויסן איז פופציק גראַד...

— נישט אייער דאגה...

טראָגט מען אים אַ נאַקעטן. עס ברענט דער פראָסט. אַז מע טוט אַ גאָס אַ ביסל וואַסער, ווערט עס פאַרפרוירן פאַלנדיק.

דערווייל האָט זיך דאָס גאַנצע דאָרף פויערים אַרומגעקליבן ארום הייזל.

ניין! זיי וועלן נישט לאָזן אַזאַ מערדעריי, ניין, זיי וועלן זיך אַ נעם טאָן.

— טאָ נאַש פּאַפּ... (דאָס איז אונדזער פּאָפּ).

— נאַש באַטקאָ... (אונדזער פּאָטערל).

און אָט ווערט באַלד אַ בלוטיק געשלעג. קיינער וועט שוין דאָ נישט קענען פונאַנדערדרייסן. דאָ וועלן געוויס פאַלן טויטע.

האָט זיך מיכאַלעוויטש אַ שטעל געטאָן און זיך אָפּגערופן צו די פויערים:

— ברידערלעך, באַרעכנט זיך, וואָס איר טוט... זיי האָבן ביקסן, רעוואָלווערן... עס וועלן זיין אומזיסטע קרבנות... מילא, איך בין פאַרפאַלן, איך וועל אומקומען אין וועג, אָבער איך וועל שוין זיין דער לעצטער רעוואָלוציאָנער, וועלכן מען וועט אַזוי אַוועקשלעפּן, אַזוי ווי אַ הונט... גייט אַהיים, ברידער, זייט געזונט, איך דאַנק אייך...

די שליטל-גלעקלעך קלינגען. דער פערד-אָנטרייבער שמייסט שוין די פערד. דער שליטן גליטשט זיך ווי אַ רוח איבער דעם סיבירער שניי. דער פורמאַן פאַרציט שוין דעם סיבירער ניגון.

נאָר דאָ דערשפירט מיכאַלעוויטש, אַז אים איז עפּעס געוואָרן אַזוי וואַרעם, אַזוי אָנגענעם, ווי ער וואָלט ליגן אונטער אַ וואַרעמער פּערענע. וואָס איז דאָס אַזוינס? ער האָט געהערט, אַז איידער מע ווערט פאַרפרוירן דערשפירט מען אַ וואַרעמקייט אין אַלע גלידער. אָבער ניין. ער פילט אַלץ, ער טראַכט, ער ווייס וווּ ער געפינט זיך. וואָס זשע איז דאָס פאָרט מיט אים?

אַ—אַ. ער האָט זיך געכאַפּט. ער ליגט איינגעדעקט אין אַ באַרג פוטערלעך. ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ און ער זעט, אַז איבער אים איז אַ גאַנצער באַרג מיט פויערשע פוטערלעך, סיערמענגעס. —

דאָס איז די מלאָכה פון די פויערים. אַז זיי האָבן דערזען, אַז מיכאַלעוויטש לאָזט זיך נישט שלאָגן פאַר אים און אָט-אָט רירט זיך שוין דער שליטן און ער ליגט אַ נאַקעטער, האָבן זיי אַראָפּגעכאַפּט פון זיך די פוטערלעך זייערע, אַלע איינער נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן, און אַרויפגעוואָרפן אויף אים, איינס אויף איינס, אַ גאַנצן באַרג, און ער האָט דאָס גאָרנישט געפילט און דעריבער איז אים אַזוי וואַרעם.

מע איז אָפּגעפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. פאַרטאָג איז מען פאַרבייגעפאָרן אַ דאָרף איזשמע, ווו עס איז דאָ אַ שפּיטאָל. מע האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט צו בייטן די פערד. מיכאַלעוויטש איז אַריין זיך אָפּרוען אין הויז פון שפּיטאָל.

אַז ער איז פאַרביי דעם שפּיגל, האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט זיך נישט דערקענט. אין שפּיגל איז ער געשטאַנען מיט אַ גרויען קאָפּ און גרויער באָרד.

אין דער דאָזיקער נאַכט איז ער גרוי געוואָרן.

וואָס איז ווייטער געווען? — דאָס איז אַ לאַנגע מעשה. זיין פרייהייט האָט ער צוריק באַקומען, אָבער זיין בלאָנדן קאָפּ — שוין נישט. ער איז שוין פאַרבליבן גרוי.

מ. ראָזענבוים.

ווי אַזוי גריגאָרי גערשוני איז אַנטלאָפֿן פֿון קאַטאָרגע?



גריגאָרי גערשוני.

די מעשה האָט פּאַסירט אין יענע צייטן, ווען איבער דער גרויסער רוסישער מדינה האָט געוועלטיקט דער לעצטער פון די ראָמאַנאָווס, דער קייסער ניקאָלאַי דער צווייטער.

דאָס פאָלק איז געווען אָרעם. דער גרעסטער טייל פון די פּויערים און אַרבעטער האָבן ניט געקענט אַפילו לייענען און שרייבן. די רעגירונג האָט מיט אַ ביזון געהאַלטן דאָס פאָלק אין אומוויסנהייט. זי האָט מורא געהאַט, אַז ווען דאָס פאָלק וועט ווערן געבילדעט, וועט עס אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם שווערן יאָך פון די קייסאָרים און וועט איינפירן אַ רעפּובליק.

מער פון אַלעמען האָט די רעגירונג פאַרפאָלגט און געדריקט די יידן. זיי האָבן געמעגט וווינען נאָר אין אַ געוויסן קליינעם טייל פון לאַנד, און אַפילו אין דעם „תחום" איז די יידן געווען פאַרבאָטן צו באַזעצן זיך אין די דערפער, און זיי זיינען געווען צוזאַמענגעדריקט אין די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע, ליטע און פוילן.

די בעסערע מענטשן סיי פון די יידן און סיי פון די קריסטן זיינען געווען אומצופרידן. זיי האָבן זיך פאַראייניקט אין געהיימע געזעלשאַפטן און האָבן געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו באַקעמפן די אונטערדריקער און איינצופירן פרייהייט און גערעכטיקייט אין לאַנד. דאָס זיינען געווען די רעוואָלוציאָנערן.

די רעגירונג האָט איינגעפירט אַ שטאַרקע פּאָליציי און אָנגעשטעלט אַ גרויסע מחנה שפּיאָנען. אויף דעם מינדעסטן חשד פלעגן מענטשן אַרעסטירט ווערן, אַריינגעוואָרפן ווערן אין תפיסה און פאַרשיקט ווערן אין די קאַלטע וויסטעניש פון סיביר. אַ פולע פון די רעוואָלוציאָנערן זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט.

די פרייהייטס-קעמפער האָבן זיך אָבער פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשראָקן און זייער צאָל איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר.

איינער פון די מוטיקסטע פירער פון די רעוואָלוציאָנערן איז געווען גריגאָרי גערשוני.

יאָרן-לאַנג האָט ער אָנגעפירט זיין גרויסע אַרבעט. די פּאָליציי האָט שוין געוווּסט וועגן אים און האָט אים געזוכט, ווי מיט ליכט. אַ גרויסע באַלוינונג איז צוגעזאָגט געוואָרן דעמיעניקן, וואָס וועט אים כאַפּן. אָבער גערשוני פלעגט אָפט בייטן זיין נאָמען, זיין אויסזען און זיין וווינונגס-פּלאַץ און אַזוי פלעגט זיך אים איינגעבן אַרויסצודרייען זיך פון די הענט פון די שפּיאָנען.

ענדלעך אין יאָר 1903 איז דער פּאָליציי דאָך געלונגען צו אַרעסטירן גערשונין אויפן קיעווער וואָקזאַל. מע האָט אים געשמידט אין קייטן, אַוועקגעפירט אין פּעטערבורג און אַריינגעזעצט אין דער באַרימטער געפענקעניש, אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג. אַ צען חדשים שפּעטער איז געווען דער משפט. די ריכטער— געטרייע שקלאַפן פון דער דעספּאָטישער רעגירונג — האָבן גערשונין פאַרמשפט צום טויט.

צו יענער צייט האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג שוין שטאַרקער געהאַט פאַרשפּרייט איבערן לאַנד. די מאַכטהאָבער האָבן מורא געהאַט, אַז ווען זיי וועלן אויפהענגען גערשונין, וועט דאָס נאָך מער אויפרייצן דעם צאָרן פון פאָלק. דער מיניסטער האָט פאָרגעשלאָגן גערשונין, ער זאָל בעטן מחילה ביים קייסער, און האָט אים צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט עס טאָן, וועט זיין שטראָף פאַרגרינגערט ווערן. גערשוני האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ער האָט בעסער געוואָלט שטאַרבן פאַר זיין אידעאַל, איידער דערנידעריקן זיך פאַר דער בייזער מאַכט.

וואָכן זיינען אַוועק. יעדע נאַכט האָט גערשוני געוואַרט, אַז מע וועט אים באַלד פירן אויפן עשאַפאָט. די אונטערדריקער האָבן אָבער ניט געהאַט דעם מוט אים צו הענגען און זיין שטראָף איז פאַרביטן געוואָרן אויף לעבנסלענגלעכער קאַטאָרגע*).

אין סוף פון יאָר 1904 האָט מען גערשונין אַריבערגעפירט אויף אַ קליינעם אינדזל לעבן פּעטערבורג און אים דאָרט פאַרשפּאַרט אין דער שליסלבורגער פעסטונג. די דאָזיקע טורמע איז געווען אַרומגערינגלט מיט ווילדע גראָע פעלזן. אַפילו באַרימטע רעוואָלוציאָנערן האָבן דאָרטן אָפּגעשמאַכט זייער לעבן אין גרויס איינזאַמקייט. ווער עס האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער שליסלבורגער געפענקעניש, האָט שוין ניט געהאַט קיין האָפענונג צו זען ווען-עס-איז די ליכטיקע וועלט.

אָבער אין יאָר 1905 האָט זיך צעגאָסן איבער רוסלאַנד אַ מעכטיקע רעוואָלוציאָנערע כוואַליע. די אויפקלערונגס-אַרבעט פון די רעוואָלוציאָנערן, זייער העלדישער קאַמף און די אומגעלונגענע מלחמה מיט יאַפּאַן, אין וועלכער די דעספּאָטישע רעגירונג האָט דערוויזן איר אומפעיקייט, האָבן ענדלעך אויפגעוועקט דאָס פאָלק פון זיין שלאָף. עס זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד. די באַן-אַרבעטער זיינען אַרויס אין אַ שטרייק, אין מאָסקווע האָט מען געבויט באַריקאַדן. די רעגירונג האָט זיך דערשראָקן פאַרן גערעכטן צאָרן פון פאָלק און האָט נאָכגעגעבן כּילע פון זיינע פאָדערונגען. כּמעט אַלע אַרעסטירטע קעמפער זיינען באַפרייט געוואָרן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע האָבן זיך געעפנט די טויערן פון שליסלבורג אַרויסצולאָזן די אַלטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן אָפּגעשמאַכט דאָרטן איבער צוואַנציק יאָר פון זייער לעבן. גערשונין האָט אָבער די רעגירונג ניט געוואָלט פריילאָזן.

אין אָנהייב 1906 איז די שליסלבורגער געפענקעניש אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן. גערשוני מיט נאָך איייניקע פון זיינע חברים זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין ווייטן סיביר, אין אַקאַטויער תּפיסה.

די רעגירונג איז אינגיכן געקומען צו זיך פון איר ערשטן שרעק, האָט ברוטאַל אונטערדריקט די אויפשטאַנדן און זיי דערטרונקען אין טייכן בלוט. זי האָט אָפּגענומען ביים פאָלק די פרייהייט, וואָס זי האָט אים געגעבן אין 1905, און האָט גענומען פאַרפאָלגן די רעוואָלוציאָנערן מיט מער גרויזאַמקייט איידער פריער.

*) דאָס איז אַזאַ תּפיסה, וווּ מע דאַרף טאָן זייער שווערע און אומרייניקע אַרבעט.

גערשוני האָט זיך גערירן צום קאָפּ און האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו אַנטלויפן פון געפענקעניש. אָבער די תּפיסה איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער וואַנט און איז געווען שטאַרק באַוואַכט. די געפאַנגענע פון אַקאַטוי האָבן פונדעסטוועגן זיך צונויפגערעדט אויף אַ געהיימען אופן מיט עטלעכע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען געווען אויף דער פריי און וואָס זיינען געקומען קיין סיביר צו העלפן באַפרייען זייער מוטיקן פירער. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ געוואַגטער פּלאַן, וועלכער איז דורכגעפירט געוואָרן אין ווינטער 1907.

דער פּלאַן איז געווען אַזאַ:

די אַקאַטויער געפענקעניש איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער וואַנט. ניט ווייט הינטער דער וואַנט איז געווען אַ קלענערע געביידע מיט אַ טיפן קעלער, וווּ מע פלעגט האַלטן פאַרשיידענע זאַכן און עסנוואַרג. אַרום אַקאַטוי זיינען די ענדלאָזע סיבירער וועלדער, וועלכע מע רופט „טײַגאַ". קיין גרעסערע שטעט זיינען דאָרט נאָענט ניטאָ און מע פלעגט דאַרפן צוגרייטן עסנוואַרג אויפן גאַנצן לאַנגן ווינטער.

ווען עס איז געקומען די צייט צו שטעלן קרויט, האָבן די אַרעסטאַנטן געדאַרפט צעהאַקן די קעפּלעך קרויט, אַריינלייגן אין גרויסע פעסער און אַראָפּלאָזן די פעסער אין טיפן קעלער. אין איינער פון אָט די זויערקרויט-פעסער האָט גערשוני באַשלאָסן זיך אַרויסצוגנבענען פון געפענקעניש.

מע האָט געלאָזט וויסן וועגן דעם פּלאַן די חברים אויף דער פרייהייט. זיי האָבן אויסגעגראָבן אַ הייל צום קעלער און צוגעגרייט אַ שליטן מיט פלינקע פערד.

גערשוני און זיינע חברים-אַרעסטאַנטן האָבן אין דעק פון איינער פון די גרויסע פעסער אויסגעבויערט אַ לאָך. זיי האָבן נאָך צוגעפּאַסט צוויי לאַנגע גומענע טרײַבלעך. מע האָט אַריינגעשטעלט גערשונין אין פאַס. דעם עק פון איין גומענעם טרייבל האָט ער אַריינגעשטעלט אין נאָז, דעם עק פון דעם צווייטן טרייבל האָט ער גענומען אין מויל, כּדי צו קענען איינאָטעמען און אַרויסאָטעמען די לופט. די פאַס איז געווען אַ גרויסע, אָבער ניט גרויס גענוג פאַר גערשונים וווקס. האָט ער זיך איינגעבויגן ווי ווייט ער האָט געקאָנט, אַזוי, אַז זיין קאָפּ האָט דערגרייכט ביז אַ זעקס אונטשעס פון אייבערשטן ברעג פון פאַס. גערשונים חברים האָבן גענומען אַ קײַלעכדיקן שטיק לעדער און עס צוגענאָגלט אינעווייניק צו דער פאַס איבער זיין קאָפּ. אויף דעם לעדער האָבן זיי אָנגעלייגט קרויט ביז צו די ברעגן. די פאַס מיט גערשונין איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן צווישן די אַנדערע פעסער מיט קרויט.

אַ שליטן איז צוגעפאָרן צום טיר פון געפענקעניש. די וועכטער, באַוואָפנט מיט זייערע רעוואָלווערן, האָבן געהייסן די אַרעסטאַנטן אַרויסטראָגן די קרויט. זיי האָבן אַרויפגעשטעלט אויפן גרויסן שליטן איין פאַס נאָך דער צווייטער. די אַרעסטאַנטן זיינען אַריינגעשפּרונגען אין שליטן. די באַוואָפנטע וועכטער האָבן זיך געזעצט אַרום זיי און געהייסן פאָרן. זיי זיינען צוגעפאָרן צום גרויסן שווערן טויער. דער הויפּט-וועכטער האָט אַריינגעקוקט אין אַלע פעסער, געזען די קרויט און געעפנט דעם טויער. דער שליטן איז צוגעפאָרן צו דער קלענער געביידע. די אַרעסטאַנטן האָבן אַריינגעטראָגן די קרויט, געעפנט אַ טירל אין דער פאָדלאָגע און מיט גראָבע שטריק אַראָפּגעלאָזן די פעסער אין טיפן קעלער.

די וועכטער האָבן פאַרשלאָסן די טירן פון קעלער-געביידע מיט שווערע שלעסער און אָפּגעפירט די אַרעסטאַנטן צוריק אין טורמע.

עס איז געווען נאַכט. פאַרן שלאָפן גיין פלעגט דער אויפזעער אַלעמאָל קומען מאַכן די „פּאָווערקע“, דאָס מיינט, איבערציילן די אַרעסטאַנטן, צו זען, אויב זיי זיינען אַלע דאָ. עס איז געווען זייער וויכטיק, אַז די באַאַמטע זאָלן וואָס לענגער זיך ניט כאַפּן, אַז גערשוני איז פאַרשוווּנדן. גערשונים חברים האָבן דעריבער פון אַ פּאָר קישנס און קאָלדרעס געמאַכט אַ גרויסע לאַלקע, עס אַריינגעלייגט אין גערשונים בעט און איבערגעדעקט. ווען דער אויפזעער איז געקומען, האָבן זיי אים געזאָגט, אַז גערשוני איז עפּעס ניט געזונט און איז געגאַנגען פרי שלאָפן. דער אויפזעער איז געווען איידל גענוג ניט צו וועקן דעם קראַנקן און אַלץ איז אַראָפּ גלאַט.

גערשוני איז דערווייל געווען אין קעלער אין אַ זייער אַן אומבאַקוועמער לאַגע. צו שטיין צונויפגעהויקערט אין פאַס אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך. דערצו האָט זיך נאָך געטראָפן אַן אומגליק: ווען די אַרעסטאַנטן האָבן אַרונטערגעלאָזן אין קעלער די פאַס מיט גערשונין, האָט זיך די שטריק אַרויסגעגליטשט פון זייערע הענט. די פאַס האָט זיך שטאַרק אָפּגעקלאַפּט און די גומענע טרייבלעך זיינען אַרויסגעפאַלן פון גערשונים נאָז און מויל. ער האָט דערפילט, אַז ער ווערט דערשטיקט. מיט זיין גאַנצער קראַפט האָט ער אַ שפּאַר געטאָן מיטן קאָפּ אַרויף. צום גליק איז די שטיק לעדער געווען שוואַך צוגענאָגלט און גערשונין האָט זיך איינגעגעבן עס אָפּצורייסן. די קרויט האָט זיך אַ שאָט געטאָן אים אויפן קאָפּ. דער ראָסל איז אים געראָנען אונטערן קאָלנער. אָבער ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך דערפילט ווי אַ נייגעבאָרענער, וואָס איז ערשט אַרויס אויף דער פרייער וועלט.

עס איז אים אָבער געווען קאַלט און נאַס און פינסטער. ער איז געשטאַנען שטיל און געוואַרט. באַלד האָט ער דערהערט אַ שטילן שאָרך. דאָס זיינען דורך דער הייל געקומען זיינע פריינט אַרויסנעמען אים אויף דער פרייער וועלט. זיי האָבן אים איבערגעטאָן אין טרוקענע קליידער, וואָס זיי האָבן געבראַכט מיט זיך, און אַלע האָבן גענומען פויזען צוריק דורך דער שמאָלער הייל.

ערשט צוויי טעג שפּעטער האָבן די באַאַמטע אויסגעפונען, אַז אין גערשוניס בעטל ליגט ניט קיין קראַנקער אַרעסטאַנט נאָר אַ לאַלקע פון צונויפגעדרייטע קאָלדרעס. דעפּעשן זיינען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין אַלע סיבירער שטעט, אָבער גערשונין האָט מען ניט געכאַפּט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געווען אין וולאַדיוואָסטאָק. פון דאָרט איז ער אַריבערגעפאָרן קיין יאַפּאַן. פון יאַפּאַן איז ער געקומען איבער דעם שטילן אָקעאַן, דורך סאַן-פראַנציסקאָ, קיין ניויאָרק, וווּ ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד.

אין ניויאָרק איז ער פאַרבליבן נאָר אַ קורצע צייט. ער איז באַלד אַוועק קיין רוסלאַנד און זיך ווידער אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין קאַמף פאַר זיינע אידעאַלן פון פרייהייט און גערעכטיקייט.

נייע יידישע כרעסטאָמאַטיע!

ס׳איז נאָר וואָס דערשינען

א נייע כרעסטאָמאַטיע פאַרן 5-טן לערניאָר

„לעבעדיקע קלאַנגען“

5-טער טייל

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חײמסאָן.

מיט פאָלגנדיקע אָפּטײלונגען:

אויף ברייטע שליאַכן.—אַלע לערנען.—הארבסט־
טעג פארקלערטע. — צווישן קינסטלער: — אין
דעם קלײנעם שטילן שטעטל.—צו א נײ לעבן.—
דער הייסער יום־טוב איז געקומען.—עס רוישט
די שטאָט. — אין ווארשטאַטן און פאבריקן. —
דער פרילינג רופט!—אין דער ווייטער וועלט.—
פאר די, וואָס ליידן. — זאַנגען אָנגעגאָסענע,
פעלדער ליכטיק ברייט.—משלים.—
פיל בילדער;

נײַע מאַטעריאַלן פון דער יידישער

און אייראָפּעיִשער ליטעראַטור.

פרייז 5 גילדן. פאַר שולן ראַבאַט.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski. Wilno, Stefańska 24, m. 28.

4 קינדער־אָפּערעטן

מיט מוזיק פון מיכל געלבארט.

1. די סוחרים פון פעפער 1־אַקטער
טעקסט—פון יאָסל קאָטלער.

2. ראָבין הוד — 4 אַקטן.
יידישער טעקסט—פון י. שוואַרץ

3. פרילינג־גאַנג—טעקסט נתן ראָזאָווסקי.

4. די פאַרשטערטע התונה — י. קיפניס

„גרינינקע ביימעלעך“!

אבאָנירט אַלע און פאַרשפּרייט
דעם אילוסטרירטן
צוויי-וועכנטלעכן
קינדער-זשורנאַל
„גרינינקע ביימעלעך“!
דערשיינט אין ווילנע
אונטער דער רעדאַקציע
פון ש. באַסטאָמסקי.

אַדרעס:
Wilno, Stefańska 24, m. 28

אַבאָנעמענטס-פּרייז: אַ יאָר (20 נומערן) 7 גילדן (1. דאָל.)
א ½ „ (10 „) -4 „ (60 סענט)
¼ „ (5 „) -2 „ (30 „)

אַבאָנירט אַלע דעם אילוסטרירטן חודש-זשורנאַל

„ד ע ר ח ב ר“

דערשיינט אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון ש. באַסטאָמסקי

אַבאָנ.-פּרייז: אַ יאָר – 4 גילדן (60 סענט) אַ ½ יאָר – 2 גילדן

אַדרעס: Wilno, Stefańska 24 m. 28.

P. K. O. 81.899